בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת בשלח
יג שבט
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 16
(68)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.**

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ אוּן בֶּן שִׁפְחָה וָואס זֶענֶען פַארְטוּישְׁט גֶעוָוארְן אוּן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין וַואלְד אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד. צוּפְרִי אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אוּן בַּיינַאכְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען. דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי, אַז בַּיינַאכְט הָאבְן זֵיי גֶעהֶערְט קוֹלוֹת פוּן חַיּוֹת, דִי חַיּוֹת הָאבְן גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעבְרוּמְט מִיט ווִילְדֶע קוֹלוֹת; דֶער לֵייבּ הָאט גֶעשְׁרִיגְן, דֶער לֶעמְפֶּערְט הָאט גֶעבְרוּמְט, אוּן דֶער פֵייגְל הָאט גֶעקְוִויטְשֶׁעט אוּן גֶעקְנַאקְט, אוּן אַזוֹי הָאט יֶעדֶע חַיָּה גֶעבְרוּמְט מִיט אַנְדֶערֶע ווִילְדֶע קוֹלוֹת; אִין אָנְפַאנְג זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, הָאבְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּם קוֹל.

### דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי צוּ גִיבּוֹיגִין דִי אוֹיעֶרִין אוּן הָאבִּין זִיךְ צוּ גִיהֶערְט. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. אַז דָאס אִיז אֵיין קוֹל פוּן אַ נִיגוּן זֵי זִינְגֶען זֵייעֶר אַ ווָאוּילִין נִיגוּן וָואס סֶע אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶער צוּגִיהֶערְט. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. אַז סֶע אִיז אַ ווִילְד וואוּילֶער נִיגוּן וָואס סֶע אִיז זֵייעֶר אֵיין ווִילְד חִידוּשׁ. וָואס סֶע אִיז אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג דָאס צוּ הֶערִין. וָואס אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען אַלֶע גָאר נִישְׁט. אוּן טְרֶעפִין גָאר נִיט אָן. אַקֶעגִין דֶעם ווִילְד גְרוֹיסִין תַּעֲנוּג וָואס מֶע הָאט אַז מֶע הֶערְט דֶעם ווִינְדֶערְלִיכְן נִיגוּן.

### אָבֶער עֶר לֶעבְּט אַזוֹי וְוי פַּרְעֹה

מִיר הָאבְן שׁוֹין גֶערֶעדְט פָארִיגֶע וָואךְ דֶערְפוּן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רַייסְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וַוייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אָדֶער עֶר גְלֵייבְּט שׁוֹין יָא אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶער עֶר לֶעבְּט אַזוֹי וְוי פַּרְעֹה, עֶר מֵיינְט עֶס אִיז דָא טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל, עֶר מֵיינְט זַאכְן פַּאסִירְן סְתַּם אַזוֹי, דַאן אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, דִי חַיּוֹת שְׁרֵייעֶן אוּן בְּרוּמֶען, דֶער לֵייבּ שְׁרֵייט, דֶער לֶעמְפֶּערְט בְּרוּמְט, דֶער פֵייגְל קְוִויטְשֶׁעט אוּן קְנַאקְט.

### אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן

אָבֶער וְוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס זָאל פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, יֶעדֶע רִיר קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְוי **דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען, אֲפִילוּ אַ בְּלֶעטְל וָואס פַאלְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים, אֲפִילוּ אַ גְרָאז וָואס פַאלְט אַרָאפּ פוּן וָואגְן - אִיז עֶס אוֹיךְ מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל; דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט, **"מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן", "מַיין וַוייבּ אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן", "מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן", "מַיין פַּרְנָסָה אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן", "מַיינֶע שִׁידּוּכִים זֶענֶען מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן"**, אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן - דַאן הֵייבְּט עֶר אָן זֶען אַז זַיין לֶעבְּן אִיז אַזַא מִין גֶעשְׁמַאקֶע תַּעֲנוּג וָואס קַיין שׁוּם תַּעֲנוּג קוּמְט נִישְׁט צוּ צוּ דֶעם תַּעֲנוּג.

הָאבִּין זֵיי צְווִישִׁין זִיךְ גִישְׁמוּסְט אַז זֵיי וֶועלִין שׁוֹין דָא בְּלַייבִּין וָוארִין זֵיי הָאבִּין דָא צוּ עֶסִין אוּן צוּ טְרִינְקֶען. אוּן הָאבִּין דָא אַזוֹי אֵיין תַּעֲנוּג וָואס עֶר אִיז אַזוֹי אַ חִידוּשׁ. וָואס אַלִירְלֵיי תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט וֶוערִין גָאר בָּטְל אַקֶעגִין דֶעם תַּעֲנוּג.

### נוֹעַם זִיו חַיּוֹת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ

מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם צַדִּיק הוֹיבְּט עֶר אָן שְׁפִּירְן "**נוֹעַם זִיו חַיּוֹת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ**", עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דָאס זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַיינְגֶענֶעמֶע טַעַם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפַאר הָאבְן זֵיי אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִּיק.

הָאט אָנְגִירֶעט דֶער קְנֶעכְט דֶעם הַארִין. (דְהַיְינוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ) אַז עֶר זָאל אִים פְרֶעגִין (דְהַיְינוּ דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד) וָואס אִיז דָאס.

### 'פַארְוָואס' אוּן 'פַארְוָואס'...

מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (אִין סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) מֶען זֶעט דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי אִים אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת, נָאר דֶער קְנֶעכְט הָאט גֶעהַאט קַשְׁיוֹת. וַוייל אַז מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּן דִי אֱמוּנָה וֶוערְט שְׁוֶוער פִילֶע קַשְׁיוֹת, 'פַארְוָואס' אוּן 'פַארְוָואס', **"פַארְוָואס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט?" "פַארְוָואס הָאט עֶר יָא אַלֶעס?" "פַארְוָואס לַיידְט עֶר זַיין צָרָה?" "פַארְוָואס גֵייט אִים נִישְׁט קַיין שִׁידּוּךְ?" "פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין קִינְדֶער?" פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה?"** אַלְץ הָאט עֶר קַשְׁיוֹת. דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ עֶר זָאל פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד וָואס אִיז דָאס גֶעזַאנְג פוּן דִי חַיּוֹת.

הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט בַּאֲשֶׁר דִי זוּן הָאט גִימַאכְט אֵיין מַלְבּוּשׁ דֶער לְבָנָה. הָאבִּין זִיךְ אָנְגִירוּפִין אַלֶע חַיּוֹת פוּן דֶעם וַואלְד. בַּאֲשֶׁר דִי לְבָנָה טוּט זֵיי גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת. וָוארִין זֵייעֶר שְׁלִיטָה פוּן דִי חַיּוֹת אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר נָאר בַּיי נַאכְט. וָוארִין אַמָאל בַּאדַארְפִין זֵיי אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִשּׁוּב אַרַיין. אוּן בַּיי טָאג קָאנֶען זֵיי נִיט. אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר זֵייעֶר שְׁלִיטָה נָאר בַּיי נַאכְט. אוּן דִי לְבָנָה טוּט זֵיי אַזוֹי אַ טוֹבָה וָואס זִי לַייכְט זֵיי בַּיינַאכְט. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי אַלֶע מַסְכִּים גִיוֶוען. אַז זֵיי זָאלִין מַאכִין אַ

נַייעֶם נִיגוּן לְכָבוֹד דֶער לְבָנָה. אוּן דָאס אִיז דֶער נִיגוּן וָואס אִיר הֶערְט. ווִי זֵיי הָאבִּין גִיהֶערְט. אַז דָאס אִיז אַ נִיגוּן הָאבִּין זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶער צוּ גִיהֶערְט. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. אַז סֶע אִיז זֵייעֶר אַ ווָאוּילֶער זִיסֶער נִיגוּן וָואס סֶע אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ זֵייעֶר. הָאט עֶר זִיךְ צוּ זֵיי אָנְגֶירוּפִין (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד) וָואס אִיז דָאס בַּיי אַייךְ אַזוֹי אַ חִידוּשׁ. אֶלָא מַאי אִיךְ הָאבּ אַ כְּלִי וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין. וָואס זֵיי הָאבִּין עֶס גֶירְשִׁיט פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶרִינְס עֶלְטֶערִין. וָואס דִי כְּלִי אִיז גִימַאכְט גִיוָוארִין מִיט אַזוֹינֶע זַאכִין מִיט אַזוֹינֶע בְּלֶעטְלִיךְ אוּן מִיט אַזוֹינֶע פַארְבִּין. וָואס אַז מֶען נֶעמְט דִי כְּלִי אוּן מֶען לֵייגְט זִי אוֹיף אַ וָואסִירֶע בְּהֵמָה. אוֹדֶער אוֹיף אַ וָואסֶער עוֹף. אַזוֹי הֵייבְּט עֶס תֵּיכֶף אָן צוּ שְׁפִּילִין דֶעם נִיגוּן (דְהַיְינוּ דֶעם נִיגוּן וָואס דִי חַיוֹת הָאבִּין דָא גִישְׁפִּילְט).

דֶערְנָאךְ אִיז ווִידֶער גִיוָוארִין דָאס גִילֶעכְטֶער. אוּן סֶע אִיז גִיוָוארִין טָאג. אוּן דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אִיז זִיךְ ווִידֶער אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר (דְהַיְינוּ דֶער אֶמְתִּיר בֶּן מֶלֶךְ) אִיז גִיגַאנְגֶען זוּכִין דִי כְּלִי. אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגִיזוּכְט אִין דֶעם גַאנְצִין חֶדֶר אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיפוּנֶען אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר מוֹרָא גִיהַאט צוּ גֵיין. אוּן זֵיי (דְהַיְינוּ דֶער אֶמְתִּיר בֶּן מֶלֶךְ מִיט זַיין קְנֶעכְט וָואס עֶר אִיז דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה וָואס פְּרִיר אִיז עֶר גִיוֶוען מֶלֶךְ) הָאבִּין מוֹרָא גִיהַאט צוּ זָאגִין דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד אַז עֶר זָאל זֵיי פִירִין אִין יִישׁוּב אַרַיין. דֶערְנָאךְ אִיז גִיקוּמֶען דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט אַז עֶר וֶועט זֵיי פִירִין אִין יִישׁוּב אַרַיין. הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט אִין יִישׁוּב אַרַיין. אוּן עֶר הָאט גִינוּמֶען דִי כְּלִי הַנַ"ל. אוּן הָאט זִי גִיגִיבְּן צוּ דֶעם אֶמְתִּין בֶּן מֶלֶךְ. אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. דִי כְּלִי שֶׁענְק אִיךְ דִיר. אוּן מִיט דֶעם (דְהַיְינוּ מִיט דֶעם קְנֶעכְט וָואס עֶר אִיז פְּרִיר גִיוֶוען מֶלֶךְ וְכוּ' כַּנַ"ל) וֶועסְטוּ ווִיסִין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירִין מִיט אִים. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. ווִי הִין זָאלִין מִיר גֵיין. הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ פְרֶעגִין צוּ דֶער מְדִינָה. וָואס זִי הֵייסְט מִיט דֶעם נָאמֶען. דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. אִין וֶועלְכֶער זַייט זָאלִין מִיר זִיךְ אָנְהֵייבִּין צוּ פְרֶעגִין צוּ דֶער מְדִינָה. הָאט עֶר זֵיי גִוויזִין מִיט דֶער הַאנְט הָאט אַהֶער (אַזוֹי ווִי אֵיינֶער וַוייזְט מִיט אִין פִינְגֶער) הָאט דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶער וַואלְד גִיזָאגְט צוּ דֶעם אֶמְתִּין בֶּן מֶלֶךְ. גֵיי אַהִין צוּ דֶער מְדִינָה. אוּן דָארְט וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין גְדוּלָה. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. ווִי זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען. הָאבִּין זֵיי זֵייעֶר גִיגְלוּסְט אַז זֵיי זָאלִין גִיפִינֶען עֶפֶּעס אַ חַיָה אָדֶער אַ בְּהֵמָה. כְּדֵי זֵיי זָאלִין פְּרוּבִּין דִי כְּלִי אוֹיבּ זִי וֶועט קָאנֶען שְׁפִּילִין (כַּנַ"ל) נָאר זֵיי הָאבִּין נָאךְ קֵיין שׁוּם חַיָה נִיט גִיזֶעהְן דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי מֶער אִין יִשׁוּב אַרַיין גִיקוּמֶען. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען עֶפֶּעס אַ בְּהֵמָה. הָאבִּין זֵיי אוֹיף אִיר אַנִידֶער גִילֵייגְט דִי כְּלִי. הָאט זִי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילְן דֶעם נִיגוּן (כַּנַ"ל) זֶענֶען זֵיי אַזוֹי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה. אוּן דִי מְדִינָה אִיז גִיוֶוען אַ מוֹיעֶר אַרוּם אִיר אוּן מֶע הָאט אִין דֶער מְדִינָה נִיט גִיקָאנְט אַרַיין גֵיין נָאר מִיט אֵיין טוֹיעֶר. מוּז מֶען אַרוּם גֵיין כַּמָה מַייל בִּיז מֶען קוּמְט צוּם טוֹיעֶר. זֶענֶען זֵיי אַרוּם גִיגַאנְגֶען בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר. אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גִיקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר. הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט גִיוָואלְט אַרַיין לָאזִין כַּאֲשֶׁר דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גִישְׁטָארְבִּין. אִיז גִיבְּלִיבְּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִילָאזְט צַוָואָה כַּאֲשֶׁר בִּיז אַהֶער הָאט מֶען גִירוּפִין דִי מְדִינָה. דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. הַיינְט זָאל מֶען זִי שׁוֹין רוּפִין פַארְקֶערְט דָאס קְלוּגֶע לַאנְד אוּן דֶער נַיירִישֶׁע מַלְכוּת. אוּן וֶוער סֶע וֶועט זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען. אַז עֶר זָאל אוּם קֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. דְהַיְינוּ אַז מֶע זָאל ווִידֶער רוּפִין דִי מְדִינָה מִיט דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. זָאל דֶער דָאזִיגֶער מֶלֶךְ וֶוערִין.

## קְלוּגְשַׁאפְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער קֶענִיג הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה, וֶוער עֶס וֶועט קֶענֶען אוּמְקֶערְן צוּ דֶעם מְדִינָה אִיר עֶרְשְׁטְן נָאמֶען "**דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת**" זָאל וֶוערְן קֶענִיג; וַוייל וֶוער עֶס קֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן אַז מִיר זֶענֶען נַארָנִים, מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, דָאס גַאנְצֶע קְלוּגְשַׁאפְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז דֶער צַדִיק.

## מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן זִיךְ

ווִילַאנְג דֶער עֶרְשְׁטֶער קֶענִיג הָאט גֶעקֶענִיגְט הָאט עֶר גֶעקֶענְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין זַיינֶע מֶענְטְשְׁן מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט דֶעם גֶעדַאנְק אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט, ווִידֶער זַיין זוּן וָואס הָאט אִיבֶּער גֶענוּמֶען דָאס רֶעבִּיסְטֶעווע, עֶר אִיז גֶעוָוארְן קֶענִיג, הָאט עֶס נִישְׁט גֶעפִירְט אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן אוֹפָן פוּנֶעם טַאטֶע'ן, אִיז עֶס גֶעוָוארְן פַארְקֶערְט, מֶען הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן דָאס לַאנְד מִיטְ'ן נָאמֶען "**דָאס קְלוּגֶע לַאנְד אוּן דֶער נַארִישֶׁער מַלְכוּת**", מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן זִיךְ: "**מִיר זֶענֶען קְלוּג**", "**מִיר זֶענֶען גֶעלוּנְגֶען**", "**מִיר זֶענֶען דִי זַאךְ**", אוּן פוּנֶעם מַלְכוּת הָאט מֶען נִישְׁט גֶערֶעדְט, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז "**הַמְּלוּכָה וְהַמֶּמְשָׁלָה לְחַי עוֹלָמִים**", דָאס קֶענִיגְרַייךְ אוּן גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אִיז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ אִיז מֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, 'אוּנְז' אוּן 'אוּנְז', דֶערְפַאר הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער קֶענִיג גֶעלָאזְט צַוָואָה וֶוער עֶס וֶועט קֶענֶען אוּמְקֶערְן צוּ דֶעם מְדִינָה אִיר עֶרְשְׁטְן נָאמֶען "**דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת**", עֶר וֶועט קֶענֶען צוּרִיק אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם פָאלְק זָאל וֶוערְן קֶענִיג.

אִיבֶּער דֶעם לָאזְט מֶען קֵיין שׁוּם מֶענְשְׁן נִיט אַרַיין אִין דֶער מְדִינָה. סַיידִין דֶער וָואס עֶר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען דָאס דָאזִיגֶע אַז עֶר זָאל אוּם קֶערִין דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט קָאנְסְטוּ דִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען. אַז דוּ זָאלְסְט דֶער מְדִינָה אוּם קֶערִין דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. הָאט עֶר זִיךְ בְּוַודַאי נִיט גִיקָאנְט דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען. הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיקָאנְט אַרַיין גֵיין הָאט אִים דֶער קְנֶעכְט אָן גִירֶעט אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּמְקֶערִין אַהֵיים. נָאר עֶר הָאט נִיט גִיוָואלְט אוּמְקֶערִין זִיךְ. וָוארִין דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ דֶער מְדִינָה אוּן דָארְט וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ זַיין גְדוּלָה.

דֶערְוַוייל אִיז אַהִין אָנְגִיקוּמֶען נָאךְ אֵיין מֶענְשׁ. וָואס עֶר הָאט גִירִיטִין אוֹיף אַ פֶערְד. אוּן עֶר הָאט גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין. הָאט מֶען אִים אוֹיךְ נִיט גִילָאזְט אַרַיין מַחְמַת דֶעם (כַּנַ"ל) דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן סֶע שְׁטֵייט דָאס פֶערְד פוּן יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִינוּמֶען דִי כְּלִי. אוּן הָאט זִי אַנִידֶער גִילֵייגְט אוֹיף דֶעם פֶערְד. הָאט עֶס אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילִין דֶעם זֵייעֶר ווָאוּילִין נִיגוּן (כַּנַ"ל) הָאט אִים דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אַז עֶר זָאל אִים פַארְקוֹיפִין. אוּן עֶר הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט. וָואס קָאנְסְטוּ מִיר גִיבִּין פַאר אַזוֹי אֵיין ווִינְדֶערְלִיכֶע כְּלִי. הָאט דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד צוּ אִים גִיזָאגְט. וָואס קָאנְסְטוּ דֶען טָאן מִיט דֶער כְּלִי. נָאר דוּ וֶועסְט מַאכִין מִיט אִיר אֵיין קָאמֶעדְיָא אוּן דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ גִילְדְן.

## צוּם בַּאנוּץ לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה

דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶערִיטְן אוֹיפְ'ן פֶערְד הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֶמְתּ'עֶר בֶּן מֶלֶךְ, וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן דַיין כֶּלִי, וָואס קֶענְסְטוּ טוּן מִיט דַיינֶע קַבָּלָה'ישֶׁע זַאכְן, פוּן אַרוֹיפְלֵייגְן דֶעם כֶּלִי אוֹיף אַ בְּהֵמָה אוּן עֶס הֵייבְּט אָן זִינְגֶען, דָאס קֶען דִיר עֶפֶּעס הֶעלְפְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה? אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַ זַאךְ וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען נִיצְן אִין לֶעבְּן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז צוּם בַּאנוּץ לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

אִיךְ קָאן אָבֶּער אַ זַאךְ וָואס סֶע אִיז בֶּעסֶער פוּן דַיין כְּלִי. אִיךְ וֵויים אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטִירְנְס עֶלְטֶערִין. אַז מֶע זָאל זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. דְהַיְינוּ אִיךְ וֵויים אַזוֹי אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִינְס עֶלְטֶערִין. וָואס דוּרְךְ דֶער זַאךְ קָאן מֶען זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. (מֶע זָאל פַארְשְׁטֵיין אֵיין זַאךְ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַאךְ) אַז אֵיינֶער רֶעט עֶפֶּעס אֵיין וָוארְט. קָאן מֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען. אַז מֶע זָאל פַארְשְׁטֵיין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר (דְהַיְינוּ אֵיין זַאךְ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער) אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ דִי זַאךְ נִיט אוֹיסְגִיזָאגְט פַאר קֵיין שׁוּם מֶענְשְׁן אִין דֶער וֶועלְט. בְּכֵן וֶועל אִיךְ דִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי דָאזִיגֶע זַאךְ. אוּן דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבִּין דִי דָאזִיגֶע כְּלִי דֶערְפַאר. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דֶער אֶמְתִּיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גִיהַאט דִי כְּלִי) סֶע אִיז אֵיין אֶמֶת אֵיין גְרוֹיס חִידוּשׁ אַז מֶע זָאל זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. הָאט עֶר אִים אַוֶועק גִיגִיבְּן דִי כְּלִי. אוּן עֶר (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד) אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אִים אוֹיס גִילֶערִינְט עֶר זָאל זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אוּן דֶער אֶמְתִּיר בֶּן מֶלֶךְ. מַחְמַת עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אִיז עֶר דָארְט אוּם גִיגַאנְגֶען בַּיי דֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז יוֹא גִימָאלְט אַז עֶר זָאל זִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען. אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוָוארִין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז גִימָאלְט חָאטְשֶׁע עֶר הָאט נָאךְ נִיט גִוואוּסְט ווִי אַזוֹי. ווִירְמִיר וֶועט עֶר דָאס קָאנֶען אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען צוּ דֶער מְדִינָה. נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פָּארְט וַוייל עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז גִימָאלְט.

**(פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ)**